און׳ (הגאון הגדול אב״ד ור״מ דק״ק לובלין מהור״ר נפתלי)׳ און׳ נאך מער (גאוני עולם)׳ און׳ דיא איבריגי יהודים דיא דא זיינן אנטלאפן אין פרעמדי לענדר אין אשכנז אריין אין גרושי ארמוט׳ דיא ערשט זער גרושי (עשירים) זיין גוועזן׳ דיא מוזטן גין בעטלין׳ אום הילף צו קריגן פון דיא (בני ישראל רחמנים בני רחמנים): אין דיא צייט זיינן גאר פיל פון דיא (מגורשים) גקומן נאך אמשטרדם׳ און׳ דיא (ספרדים) האבן גרושי (חסד) מיט זיא גטאן׳ גלייך מיר ווייטר ווערן דער פון שרייבן׳ אך איז אין די צייט אהער גקומן (לק״ק אמשטרדם הדרשן הגדול מהור״ר ברכיה ברוך)׳ דער איז (בעל דרשן) גוועזן (בק״ק קראקא)׳ און׳ האט גדרוקט זיין (ספר זרע ברך ראשון)׳ גלייך ער שרייבט אין זיין (ספר זרע ברך אין דיא הקדמה פון חלק שני). און׳ דש זעלביג מאל איז גוועזן (אב״ד ור״מ פון ק״ק ספרדים ר׳ יצחק אבוהב) דער האט אים גרושי (טובות) גטאן׳ און׳ האט אים גהאלפן׳ דש ער זיין ספר גדרוקט האט:

---

הוספה 2

# צוויי היסטאָרישע לידער פֿון גזרות ת״ח

אין די „היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ״, ב׳ II זז׳ 584 און 585, זײַנען אָפּגעדרוקט טעקסטן פֿון 2 לידער, וואָס געפֿינען זיך אין דעם אַרכיוו פֿון ש. דובנאָוו בײַם ייִוואָ. זיי האָט פֿאַר־שריבן דער היסטאָריקער פֿון פּאָדאָליער ייִדן מ. נ. ליטינסקי און צוגעשיקט ש. דובנאָוון אין יאָר 1892. מיר דרוקן דאָ די לידער איבער.

I

דעם נעמיראָווער קרעפּאָסט פֿאַרוויסט, פֿאַרברענט,
די הײַזער אײַנגעריסן, פֿון די שולן צובראָכן די ווענט,
האָבן די ווילדע קאָזאַקן, אַ באַנדע שאַרלאַטאַנעס;
די ייִדן קלאָגן, ווי קוילן זײַנען זיי פּנימער שוואַרץ,
זיי יעכטצען, זיי קרעכטצען, עס קלעמט דאָס האַרץ,
אויף די דערטרונקענע, הרוגים און מענטשן מיט ראַנעס.

---

אין אַ געסל, נעבן אַ ריטשקע בלוט, ווי די הײַזער זײַנען שיטער,
קניעט אַ קאָזאַק אויף דער ערד און וויינט ביטער,
פֿאַר אַ ייִדישע בתולה, זייער אַ שיין מיידעלע:
„גענוג דיר צו קלאָגן, לאָז האָבן אַן עק דײַן געוויין,
„דײַנע טויטע עלטערן וועלן מער ניט אויפֿשטיין,
„זאָג נאָר ,יאָ׳ באַקומסט דו וואָס דו ווילסט, איידעלע!״

---

„דו שווײַגסט, זשידאָווקאָ? שטויסט מיך אַוועק;
„זעסט דאָס מעסער? מיט געוואַלט מאַך איך אַן עק...״

— שרײַט דער קאָזאַק מיט צאָרן אין דער הויך —
„פאָלג-זשע מיך, לאָמיר בעסער בײדע מאַכן שלום,
„קוש מיך, מײַן האָפענונג זאָל ניט זײַן ווי אַ חלום,
„איך ליב דיך, ליב-זשע דו מיך אויך!"

---

„אדוני קאָזאַק! — ענטפערט די בתולה — אַזוי קען ניט זײַן!
„אויב דו ליבסט מיך באמת, זאָלסטו ווערן מײַן מאַן,
„זײַ מיך מקדש כּדת, אַזוי האָב איך מיך באַראָטן;
„קײן שול איז דאָ געבליבן איך זאָל דיך אַהין רופן,
„צו דײַן קירכע, אויף יענער זײַט טײַך, לאָמיר זיך שיפן,
„ווי אַנדערע קען איך מײַן לעבן ניט איבערגעבן דעם שטן!"

---

אויף אַ פאַרצירט שיפל זײַנען די געליבטע געשווימען,
און ווי זײ זײַנען צום האַלבן טײַך געקימען,
האָט זיך די בתולה אין וואַסער געוואָרפן ווי אַ שטײן;
וואָס ביסט דו פאַרטראַכט? דײַנע אויגן עפן אויף!
זע נאָר, קאָזאַק! פון דײַנע געדאַנקען וואַך אויף!
אוי שוין שפּעט צו ראַטעווען — ווו ביסט דו פריער געווען?

די דאָזיקע שײנע באַלאַדע איז זיכער אַ ליטעראַרישער פּראָדוקט. אויף דעם זאָגט עדות די שפּראַך, ווי אויך די טעמע, וואָס איז אַרויסגענומען פון האַנאָווערס „יון מצולה". אין דעם קאַפּיטל „דאָס אומגליק פון קהילה קדושה נעמיראָוו" דערצײלט האַנאָווער אָט וואָס: „איז זיך אַ מעשה פאָרלאָפן מיט אײנער אַ יפת-תואר, וואָס אַ קאָזאַק האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. האָט זי אים געבעטן, אַז ער זאָל זי מקדש זײַן אין קלויסטער וואָס הינטערן בריק. און ער האָט געטאָן, ווי זי האָט געוואָלט און האָט זי בעפירט אַהין אויף קדושין אין שײנע קלײדער, מיט פּויקן און מיט טענץ. און ווי באַלד זײ זײַנען געקומען אויפן בריק, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען אין וואַסער אַרײַן און איז דער-



טרונקען געוואָרן אויף קידוש-השם". (ז' 30 פון לאַצקי-בערטאָלדיס איבערזעצונג).

## II

### דאָס ליד וועגן דער שחיטה אין באַר

דאָס דאָזיקע ליד האָט מען געפונען אין די פּאַפּירן פון דעם פאַרשטאָרבענעם היסטאָריקער פון די פּאָדאָליער ייִדן, מ. נ. ליטינסקי, און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין Пережитое (באַנד III ז' 378—379).

איצט איז דאָס דאָזיקע ליד, עטוואָס אין אַן אַנדער נוסח, אָפּגעדרוקט אין די היסטאָרישע שריפטן פון ייִוואָ, ב' II ז' 585, לויט אַ כּתב-יד אין ש. דובנאָווס אַרכיוו, וואָס שטאַמט אויך פון ליטינסקין.

ווײמען פון אײַך, ייִדישע קינדער,
איז ניט באַקאַנט די קאָזאַצקע מלחמות!
ווער פון אײַך יעדער באַזונדער
ווײסט ניט די הײדאַמאַקסקי נקמות!

דעמאָלט אין דער ביטערער צײַט,
שטײט אין דער שטאָט „באַר" קריוואָנאָס דער העלד,
געבן אים ליסענקאָ מיט זײַנע גוטע לײַט,
אַרום אַ קרײַז וואָס האָבן אויפגעשטעלט אין פעלד.

פאַרשמאַכט צעבראָכן אַלע גלידער,
ברענגט מען אַהער פון אַ פינצטערער נעסט;
מענער, פרויען און קינדער פון אונדזערע ברידער,
און קריוואָנאָס האָט זײ מיט די ווערטער געטרײסט:

„כ'האָב פריִער גערעדט מיט אײַערע רבנים און גבירים,
— רופט ער זיך צו זײ אָן מיט אַ לאַך —
„אַצינד זאָג איך מײַנע לעצטע דיבורים,
„פאַר אַלע מײַנע לײַט און פאַר אײַך!

„גענוג געאָפּפֿערט ווײַב און קינד,
„גענוג געליטן צרות, הונגער און קעלט;
„ביקט זיך צום צלם, זײַט ניט בלינד,
„וועט איר זײַן גליקלעך אויף דער וועלט".

„שווײַג דו רשע, רעד קיין וואָרט!
— האָבן געענטפֿערט אַלע אַזוי —
„טויט אונדז דאָ אויף דעם אָרט
„אָבער בײַטן אונדזער אמונה? לאָ!

„אונדזער אמונה איז העל ווי די זון,
„דײַן פּלאַן וועט דיר ניט געראָטן;
„קיין אַנדערע נעמען מיר ניט אין זין,
„מעגסט דו אונדז ברענגען און בראָטן!"

באַלד האָט מען געזען אַ שרעקלעך בילד,
אויף קידוש השם זײַנען זיי אַלע געשטאָרבן;
דער פּלאַץ איז געבליבן טרויעריק, ווילד,
פֿול מיט בײַנער פֿונעם ייִדישן קרבן.

די רעדאַקציע פֿון Пережитое באַמערקט, אַז דאָס איז אַ פֿאָלקסליד, ווײַל עס צייכנט זיך אויס מיט פּשטות און אומגעקינצלטקייט פֿון דער פֿאָרם. יעדער לייענער אָבער קען באַלד באַמערקן, אַז דאָס איז אַ ליטעראַרישער פּראָדוקט פֿון 19טן יאָרהונדערט און האָט זייער ווינציק אויטענטישן פֿאָלקס־עלעמענט.

אויך די היסטאָרישקייט פֿון דעם ליד איז שטאַרק מסופּקדיק. עס איז אמת, אַז קריוואָנאָס ווערט דערמאָנט. דער נאָמען ליסענקאָ וואָס ווערט דערמאָנט אין דעם ליד איז ניט צו געפֿינען צווישן די קאָזאַקישע פֿירער פֿון 1648. דער טערמין הײַדאַמאַקעס שטאַמט ערשט פֿון גאַנצעס צײַטן (18טער יאָרהונדערט) און ניט פֿון 1648.

---

הוספה 3

# וועגן די ייִדישע מאָמענטן אין אוקראַיִנישן היסטאָרישן ליד פֿון כמעלניצקיס תּקופֿה

די אוקראַיִנישע היסטאָרישע לידער אָדער דומעס זײַנען אָנערקענט געוואָרן ווי אַ וויכטיקער מקור, וואָס איז ממלא אַנדערע מקורים פֿון דער געשיכטע. עס איז געווען אַ צײַט ווען די זאַמלער פֿון די לידער זײַנען געווען טיף איבערצײַגט אין זייער אויטענטישקייט. בײַ הײַנטיקן טאָג איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז אַ סך פֿון די לידער זײַנען פֿאַלסיפֿיקאַטן און ביסלעכווײַז ווערן די דאָזיקע לידער פֿאַרבראַקירט, ווי ניט קיין עכטע. דאָך איז געבליבן אַ באַדײַטיקע צאָל פֿון דעם טיפּ לידער, וואָס זײַנען נאָך אַן אויספֿירלעכן אַנאַליז פֿון אַזעלכע פֿאָרשער ווי קאָלעסאַ[1], פֿראַנקאָ[2] און רעוווצקי[3] אָנערקענט פֿאַר עכט און אײַנקאָרפּאָרירט געוואָרן אין זייערע בעסטע אויסגאַבעס פֿון אוקראַיִנישע היסטאָרישע לידער.

אין צוויי אַזעלכע היסטאָרישע לידער, וואָס זייער עכטקייט איז ניט געשטעלט געוואָרן אונטער ספֿק, ווערן געשילדערט ייִדישע ענינים.

---

[1] Колесса, Українські народні думи. Львів 1920. Idem, З.Н.Т.Ш., Том 130–132 (זייער וויכטיק).

[2] Франко, Студії над українськими народніми піснями. Львів 1913.

[3] Д. Ревуцький, Українські думи та пісні історичні Київ 1930. (מיט אַ גלענצנדער ביבליאָגראַפֿיע פֿון 468 נומערן; די צוויי אַנטי־ייִדישע לידער זײַנען אין זײַן זאַמלונג ניט אָפּגעדרוקט און אַפֿילו ניט באַרירט אין דעם גרינדלעכן אַרײַנפֿיר).

אין איין ליד א״נ די קאָרסונער שלאַכט (Корсунська битва) געפֿינען מיר צוויי פֿאַרשיידענע מאָטיוון: 1) די שילדערונג פֿון דער קאָרסונער שלאַכט, דער רוף פֿון כמעלניצקין און די ייִדישע פּאָגראָמען, 2) אָפּגעריסענע פֿראַגמענטן וועגן שפּעטערדיקע פֿאָלקס-באַוועגונגען. די דאָזיקע פֿראַגמענטן זײַנען אַרײַן אין אַ פֿאַרברייטערטער פֿאָרם אין דעם צווייטן ליד, וואָס איז אין גאַנצן וועגן ייִדן א״נ Жидівські утиски й козацьке пов-станнє 1648.

קאָסטאָמאַראָוו מיינט, אַז ביידע לידער זײַנען אַ מאָל געווען איין ליד און אַז די רשימה פֿון די קריוודעס, וואָס ווערן אין דעם דאָזיקן ליד אויסגערעכנט, באַווײַזט, אַז „דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט דורכן מויל פֿון עטלעכע דורות געזאָגט עדות, אַז די עקאָנאָמישע אונטערדריקונגען מצד די ייִדן זײַנען געווען די וויכטיקסטע סיבה פֿון אויפֿשטאַנד פֿון אוקראַאינישן פֿאָלק“[4].

אין דעם דאָזיקן ליד, געשריבן אין אַן ערנצטן טאָן, להיפּוך צום ערשטן ליד, ווו דער פֿראַגמענט וועגן ייִדן איז אַ סאַטירישער, ווערט געשילדערט, ווי אַזוי דער העטמאַן באָהדאַן כמעל-ניצקי האַלט אַ רעדע צו די קאָזאַקן און רופֿט זיי, אַז זיי זאָלן זיך אויפֿכאַפּן פֿון שלאָף, זען פֿאַרטיידיקן זייער אמונה און די ייִדישע אַרענדאַרן אויסהרגענען.

דער טעקסט לייענט זיך אַזוי (לויט קאָלעסאַס זאַמלונג, ז׳ 139):

...у святий день божественний у вовторник
Гетьман Хмельницький козаків до сходу сонця
у поход виправляв
І стиха словами промовляв:
„Ей, козаки ви, діти, друзі!

---

[4] Костомаровъ, Собраніе сочиненій, 1905, XXI, 820.



Прошу вас, добре дбайте,
Од сна вставайте,
Руський Очинаш читайте,
На славну Україну прибувайте,
Жидів-рандарів у пень рубайте,
Кровь їх жидівську у полі с жовтим піском
мішайте,
Віри своєї християнської у поругу не
подайте,
Жидівському шабашу не польгуйте.

איז דאָס דאָזיקע ליד אויטענטיש? דאָס איז די הויפּטפֿראַגע, וואָס מען דאַרף פֿאַרענטפֿערן, איידער מען באַנוצט עס ווי אַ היסטאָרישער מקור?

דאָס ליד האָט צום ערשטן מאָל פֿאַרשריבן קוליש אין יאָר 1853 פֿון אַ פֿאָלקסזינגער און אָפּגעדרוקט אין זײַנע Записки о Южной Руси I, 56-63. שפּעטער איז דאָס ליד איבער-געדרוקט געוואָרן אַ סך מאָל. פֿראַנקאָ האַלט, אַז דער הויפּט-וואַריאַנט פֿון דעם ליד, וואָס רעדט וועגן ייִדישע אַרענדעס אין אוקראַאינע ווי אַ סיבה פֿון דעם אויפֿברויז, איז היסטאָריש אויטענטיש' הגם אייניקע פּונקטן זײַנען פֿאַלש. אַזוי דערציילט דאָס דאָזיקע ליד, אַז כמעלניצקי האָט גענומען די שטאָט פּאָלינאָיע, וואָס דאָס איז היסטאָריש ניט ריכטיק. פֿראַנקאָ וויל האָבן, אַז דאָס ליד איז אויפֿגעקומען אין 18טן י״ה. אפֿשר האָט די הײדאַמאַטשינע אינספּירירט די שאַפֿונג פֿון דעם ליד?

פֿאַראַן אָבער אַ צווייט ליד א״נ „כמעלניצקי און באַראַבאַש“, אין וועלכן דער אויספֿאַל קעגן די ייִדן ווערט איבערגעמאַכט אין אַן אַנטיפּוילישן גײַסט. די לעצטע שורות פֿון אונדזער ציטאַטע לייענען זיך דאָרט אַזוי: Кровь їх лядьску у полі з жовтим піском мішали віри своєй християнської у поругу вічни часи не подали.

דער דאָזיקער שינוי באַווייזט, אַז מיר האָבן ניט צו טון מיט אַן אויטענטישן טעקסט, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין דער תקופה פון אויפשטאַנד ווי אַן אויסדרוק פון זיין פראָטעסט קעגן די יידן, נאָר מיט אַ באַאַרבעטונג לויט אַן עלטערן מאָדעל.

Pol. Model

אַז דאָס איז געוואָרן באַאַרבעט לויט אַ פוילישן טעקסט, קען פעסטגעשטעלט ווערן לויט די ווייטערדיקע ביישפילן.

אין דעם ליד Жидівські утиски й козацьке повстание 1648 ווערט געזאָגט, אַז:

На славній Україні (жиди) всі козацькі торги
заорандовали
Да брали мито-промито.....

ווייטער ווערט אין דעם ליד דערמאָנט, אַז יידן אַרענדירן שענקן, זיינען קרעמער אאַז״וו.

אין אַ פוילישן ליד געדרוקט אין 1648 און געשריבן פון Kmita א״נ Kruk w złotej klatce albo żydzi w świebodnej wolności Korony Polskiej לייענען מיר אָט וואָס:

Żyd miód warzy, Żyd piwo, Żyd gorzałkę pali,
Żyd kramarzem, towarem, tak jak chce szali,
Żyd na mycie, Żyd na cle, Żyd i na arendzie...

אין אַן אַנדער סטראָפע לייענען מיר, אַז:

...козак на Жида-рандара скоса, як ведмідь
поглядає
Іще Жида-рандара мостивнім паном
узиває.

ביי קמיטאַן געפינען מיר אַנאַלאָגישע שורות:

Przed żydem chrześcijanin zdjąwszy czapkę
stoi



Mościwemu kłania sie, kortezyę stroi...[5]

אַזעלכע מאָטיוון אַרויסגענומען פון דער פוילישער אַנטיסעמיטישער סאַטירע פון יענער צייט געפינען מיר אַ סך. אַזוי למשל געפינען מיר ענלעכע מאָטיוון אין אַן אַנדער ליד פון אַן אַנאָנים א״נ Pieśń nowa o żydach lubelskich און אויך ביי די סאַטיריקער Starowolski, Opaliński, Słupski א״אַ.

בריקנער ציטירט אַזאַ ליד, געשריבן פון אַ פּאָליאַק אין אַנטיסעמיטישן גייסט, און גיט אַ רשימה פון אַ ריי אַזעלכע לידער[6].

קאָסטאָמאַראָוו האַלט, אַז די אוקראַינישע היסטאָרישע לידער שפיגלען ניט אָפּ די ווירקלעכקייט, בעת אַנדערע פאַרטיידיקן זייער עכטקייט. קאָלעסאַ פאַרטיילט די היסטאָרישע דומעס אין צוויי גרופעס: אין אַן עלטערן שיכט, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן פאָלקסליד און איז אויף דעם געבויט, און אין אַ יינגערן שיכט, וואָס צייכנט זיך אויס מיטן רעאַליסטישן כאַראַקטער, סאַטירישן טאָן און מאָטיוון, באַשאַפן אין 18טן י״ה. די דומעס וועגן כמעלניטשינע זיינען לויט קאָלעסאַן געענטער צו די קאָזאַקישע כראָניקעס פון אָנהייב 18טן י״ה. אַז זייערע מאָטיוון זיינען אַרויסגענומען פון דער ליטעראַטור, און דווקא פון דער פוילישער, האָבן באַוויזן ניט נאָר דער אוקראַינער Щурат, נאָר אויך דער פּאָליאַק בריקנער.

דאָס איז די אַזוי גערופענע מעשטשאַנישע ליטעראַטור, וואָס איז שטאַרק אַנטיסעמיטיש און שפיגלט אָפּ דעם עקאָנאָמישן

[5] Колесса, З.Н.Т.Ш., 131, 60—61; Др. Щурат, Літературні начерки, Львів 1913, 105sq. Idem, З.Н.Т.Ш., 115, 206–210.

[6] Brückner, Pieśni polsko-ruskie. Pamiętnik literacki X (1911), 192—193; idem, Kwartalnik Historyczny 1899, 588. Перец (Извѣстія Ак. Наук. 1901, IV).

קאַמף צווישן דעם ייִדישן און ניט-ייִדישן מיטלשטאַנד אין פּוילן.[7] צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהער אויך די פּאָעמע Wojna Żydowska, וואָס איז געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין 1606 און לאַכט אויס די ייִדן ווי פּחדנים און פֿיזישע שוואַכלינגער.[8]

פֿון דעם דאָזיקן מקור זײַנען דאָס אַרויסגענומען די מאָטיוון פֿון די אוקראַיִנישע היסטאָרישע דומעס וועגן ייִדן. זייער גילגול קען אילוסטרירט ווערן מיט דעם ווײַטערדיקן בײַשפּיל.

אין 1728 איז אין קיִעוו אַרויס אַ דראַמע פֿון איינעם טראָפּימאָוויטש. אין דער דאָזיקער דראַמע איז כמעלניצקי דער הויפּטהעלד.[9] דער טעקסט פֿון כמעלניצקיס רעדעס איז אַרויסגענומען פֿון די קאָזאַקישע כראָניקעס וואָס זײַנען אויך דער מקור פֿון אַ סך „היסטאָרישע" לידער. כמעלניצקי רעדט דאָרטן בזה הלשון וועגן די פּאָליאַקן:

Козака и за жида не важат: милѣйшій
Им жид, нежели русин, и весьма честнѣйши
С жидом они ѣдят, пьют, банкеты справляют,
А козака бѣднаго за нѣзащо мають.

[7] Badecki, Literatura mieszczańska w Polsce w XVIII wieku, Lwów 1925, 483. Bartoszewicz, Antysemityzm w literaturze polskiej, 1914, 60-73 (Kmita).

[8] Badecki, o. c., 444–448.

אין אונדזער ליטעראַטור האָט נ. ווײַניג (פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ, III) דער ערשטער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער סאַטירע. ער איז אָבער ניט ריכטיק צוגעגאַנגען צום ענין און דערפֿאַר געשטרויכלט געוואָרן אין זײַן אַרבעט. Wojna Żydowska האָט גאָרנישט צו טון מיט פֿאָלקלאָר. עס איז אַ ליטעראַרישער פּראָדוקט פֿון אַ געוויסער סאָציאַלער גרופּע. אייניקע מאָטיוון פֿון דעם ליד זײַנען באַקאַנט ווי אינטערנאַציאָנאַלע פֿאָלקלאָר-מאָטיוון. וועגן דעם גאַנצן ענין בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט.

[9] Я. Гординській, Милость Божія, українська драма з 1728 (З.Н.Т.Ш., vol. 146), 1–32, Колесса; ibidem. 131, 57—58; Возняк, Історія укр. літератури, III, 220 (1924).



И что горше: которым поколон отдавали
Турки и татаре, а многи не возстали
Никогда же, егда раз паклонили выи
Нынѣ срамно и казать — нынѣ сами сіи.
Жидам кланяются и шапку в руках носят
Перед ними, и их як панов яких просят.

ווען מיר וועלן פֿאַרגלײַכן די דאָזיקע שורות מיט אַנאַלאָגישע שורות, אַרויסגענומען פֿון איינער פֿון די אַנטי-ייִדישע היסטאָרישע דומעס, וועט פֿאַר אונדז קלאָר ווערן דער מקור פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור.

Тоді то жид - рандар стиха підхождає
Козака за патлі хватає,
То козак на жида рандара скоса,
Як ведмідь, поглядає
Іще жида-рандара мостивим паном узиває:
„Ей, жиду, каже, жиду рандаре
Мостивий пане!
Позволь мині на річці утя вбити,
Жінку свою з дітьми прокопмити".[10]

דער נוסח איז דער זעלביקער. אין ביידע טעקסטן רעדט זיך וועגן דער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט פֿון קאָזאַק פֿון די ייִדן, ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז דער קאָזאַק דאַרף זיך בוקן פֿאַרן ייִדן אאַז״וו.

דער הויפּט-מקור פֿאַר די דאָזיקע לידער איז די פּויליש סאַטירישע דיכטונג פֿון 17טן י״ה, געשאַפֿן פֿון מענטשן פֿון מיטלשטאַנד, וואָס זײַנען געווען שטאַרק אויפֿגעבראַכט אויף דער שליאַכטע און דערפֿאַר געהאַט אויך דעם מוט צו קריטיקירן דעם אופֿן, ווי אַזוי די לעצטע באַגייט זיך מיט די פּויערים און ווי

[10] Колесса, о. с., 138.

אַזוי ייִדן ווערן אויסגענוצט פֿאַרן צוועק צו עקספּלואַטירן די פּויערים. אַ סך האַרבע ווערטער וועגן דער שליאַכטע געפֿינען מיר אין יענער ליטעראַטור. בריקנער ציטירט אַ בראָשורע, אַרויס פֿון די פּוילישע בירגערלעכע קרײַזן א״נ Szlachcic do szlachcica o woynie kozackiey r. 1648 אין וועלכער מען באַשולדיקט די שליאַכטע אין אונטערדריקן די פּויערים.[11]

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די אוקראַיִנישע לידער פֿאַרמאָגן ניט קיין קערנער פֿון היסטאָרישער אויטענטישקייט. אַוודאי זײַנען זיי היסטאָריש וויכטיק, ווײַל זיי ווערן באַשטעטיקט דורך אַנדערע מקורים. זיי זײַנען אָבער ניט קיין פֿאָלקסלידער. ניט דאָס פֿאָלק האָט געשילדערט די דאָזיקע דעטאַליזירטע קריוודעס מצד די ייִדן אין גראַמען, נאָר זיי זײַנען אַ ליטעראַרישער פּראָדוקט, אַ פּוילישער, אַרויס פֿון די קרײַזן פֿון פּוילישן מיטלשטאַנד, וועלכער איז געווען שטאַרק אַנטיסעמיטיש. זיי זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין די קרײַזן פֿון די אוקראַיִנישע דיאַקעס און סעמינאַריסטן און איבערגעמאַכט געוואָרן אויף דעם אוקראַיִנישן נוסח אין גײַסט פֿון דעם אויטענטישן אוקראַיִנישן פֿאָלקסליד.[12] אַזעלכע שורות ווי:

Тогді то Хмельницький на славну Україну
прибував
Ні одного Жида-рандара не заставав

איז אַ געגראַמטער פּסוק פֿון די קאָזאַקישע כראָניקעס, וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן אין אָנהייב 18טן יאָרהונדערט.

פֿאַראַן אָבער אויך אויטענטישע לידער, ווי למשל דאָס



ליד, אין וועלכן מען וואַרפֿט פֿאָר די פּאָליאַקן, אַז די „ייִדן-מערדער“ זײַנען זיי ליבער ווי די העלדישע קאָזאַקן.

Мильші вам Жиди-збойці
Ніж запорожці-молойці (З.Н.Т.Ш., 105, 27-28).

די לידער געשריבן קעגן די פּאָליאַקן ווערן שפּעטער צוגעפּאַסט צו די ייִדן דורך ענדערן דאָס וואָרט פּאָליאַק אויף ייִד. למשל אין דעם ליד כמעלניצקי און באַראַבאַש:

| אַנטי-פּוילישער טעקסט | אַנטי-ייִדישער טעקסט |
|---|---|
| (Ревуцький, 145) | (Колесса, 139) |
| Панів у пень рубайте...<br>Кров їх лядську... | ...Жидів-рандарів у пень<br>рубайте<br>Кров їх жидівську .. |
| (Колесса, 145) | (Колесса, 135-136) |
| Тогді ляхи... догадливі<br>бували<br>Усі по лісах, по кущах<br>повтікали... | ...Жидове чогось догада-<br>лись<br>На річку Случу тікали |

פֿאַראַן אָבער אויך טעקסטן, וווּ דער ייִדישער מאָטיוו איז ניט אונטערגעשטראָכן, ווי למשל אין דער באַלאַדע וועגן Коновченко:

| | |
|---|---|
| (Ревуцький, 133) | (Колесса, 102) |
| і з рандарем торг торгу-<br>вала | До Жида рандара одго-<br>няла... |

[11] Kwartalnik historyczny, 1899, 588.

[12] הרושעווסקי דערציילט, אַז דער וואַריאַנט פֿון Wojna Żydowska, וואָס ער האָט פֿאַר: פֿנטלעכס, האָט זײַן זיידע פֿאַרשריבן אין 1819, און אַז ער שטאַמט פֿון די באַקאַלאַרישע הומאָריסטישע לידער, וואָס די דיאַקעס פֿלעגן צוזאַמענשטעלן. (З.Н.Т.Ш. XVII, 81–82)

פֿון די דאָזיקע בײַשפּילן ווערט קלאָר, אַז די אויטענטישקייט פֿון די צוויי אַנטי־ייִדישע היסטאָרישע לידער פֿון די אוקראַאינער מוז געשטעלט ווערן אונטער אַ פֿראַגעצייכן, ווײַל עס זײַנען פֿאַראַן אַ סך שפּעטערדיקע אינטערפּאָלאַציעס און ווײַל אַ סך פֿון זיי זײַנען ריין ליטעראַרישע פּראָדוקטן, על־פּי רובֿ פֿון פּוילישן אָפּשטאַם.[13]

---

13 אַ ר אַ ב אַ ז ש י ן (Арабажин) האַלט, אַז אין די דומעס קעגן די ייִדן איז ניטאָ קיין שנאה צו די ייִדן, אויך ניט קיין רעליגיעזער פֿאַנאַטיזם, נאָר אַ הומאָריסטישע באַציִונג. ער האָט, ווײַזט אויס, די לידער ניט געלייענט. (Народная Словесность под ред. Аничкова, Москва 1908, 315–316).

ה ו ס פ ה 4

# הילטעבראַנדטס באַשרײַבונג פֿון אַ נסיעה קיין אוקראַאינע אין 1657

אַ נײַער מקור, וואָס איז לעצטנס פֿארעפֿנטלעכט געוואָרן,* ברענגט אַ שפּאָר ביסל אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן צום ענין: כמעלניצקיס תקופֿה און די ייִדן. דאָס זײַנען די מעמוּאַריסטישע פֿאַרצייכענישן פֿון שטעטינער פּאַסטאָר קאָנראַד יאַקאָבוס ה י ל ט ע ב ר אַ נ ד ט (1629—1679). דאָס בוך הייסט:

Conrad Jacob Hiltebrandt's dreifache schwedische Gesandschaftsreise nach Siebenbürgen, der Ukraine und Constantinopel (1656—1668). Herausgegeben und erläutert von F r a n z B a b i n g e r. Leiden 1937. XXX+259 p.

דער אָריגינאַל פֿון די דאָזיקע מעמוּאַרן איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. עס האָט זיך אָבער אָפּגעהיט אַ קאָפּיע, משמעות פֿון דער זעלבער תקופֿה. זי געפֿינט זיך אין פּרײַסישן מלוכה־אַרכיוו אין שטעטין. אייניקע פֿראַגמענטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט ז י ב נ ־ ב י ר ג ן, זײַנען שוין פֿריער פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן.

ה י ל ט ע ב ר אַ נ ד ט, אַ תּלמיד פֿון באַרימטן טעאָלאָג Carpzov, וועמענס נאָמען איז גוט באַקאַנט יעדן פֿאָרשער פֿון אונדזער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור, איז מיטגעפֿאָרן מיט דרײַ שוועדישע דעלעגאַטן, וואָס דער קיניג ק אַ ר ל ג ו ס ט אַ ו האָט געשיקט אין אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע קיין אונגערן, אוקראַאינע און טערקײַ. אין דער דאָזיקער דעלעגאַציע האָט די הויפּטראָלע

---

* אויף אַט דער אויסגאַבע האָט אונדז אויפֿמערקזאַם געמאַכט ל. קריס־קריסטיאַן פֿון יאַס. מיר זאָגן אים אַ דאַנק.

# יְוֵן מְצוּלָה

אָדער

# קאָזאַקן-זומפּ

(גזירות ת״ח ות״ט)

דער ספר יון מצולה דערציילט אַפילע וועגן די גזירות און
געשעענישן, וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן ביי אונזערע ברידער בני
ישראל פון די מדינות רייסן, ליטע און פוילן אין די יאָרן
ת״ח ות״ט, פון וואָסער סיבה זיי האָבן זיך גענומען, ווי
אַזוי די יוונים האָבן ווירערשפעניקט קעגן מלכות און
האָבן זיך באַהעפט מיט די טאָטערן, די קינדער פון
אַלדאָס ביין. אויך ווערן דאָ באַשריבן די מנהגים
אין די פוילישע קהילות, וואָס שפאַרן זיך
אָן אויף די זעקס זיילן פון דער וועלט.
דער מחבר פון דעם ספר איז דער גע-
הויבענער ייד, חכם און איידעלער האַר
מורנו הרב ר׳ נתן נטע בן
הקדוש מורנו הרב ר׳ משה
האַנאָווער זצ״ל, וואָס
וואוינט אין דער הייל-
קער קהילה זאַסלאַוו פון
דער מדינה רייסן.
צום ערשטן מאָל
געדרוקט אין
ווענעציע אין
יאָר תי״ג
לפ״ק
(1653)

די איבערזעצונג אין יידיש דורך
זאב-וואלף ב״ר אליהו לאַצקי-בערטאָלדי.

## הקדמה פונם איבערזעצער

ר׳ נתן־נטע האַנאָווערס העברעישע כראָניק „יון מצולה" פון ת״יג לפ״ק (1653) האָב איך איבערגעזעצט אין קיעוו אין יאָר 1920, אין די טעג פון פעטליורע און דעניקין, וואָס האָבן מיט יידיש בלוט פאַרפלייצט די גאַנצע אוקראַינע. אָפּגעדרוקט האָב איך די איבערזעצונג צום ערשטן מאָל אין אַרגענטינע, אין דער „אידישער צייטונג" פון בוענאָס־איירעס. דערנאָך האָט זי זיך געדרוקט אין ריגע, אין דער צייטונג „דאָס פאָלק".

איצטער ווערט די איבערזעצונג צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן אין אַ בוך־פאָרמע דורך דעם פאַרלאַג ב. קלעצקין און מיט דער השגחה פון ז. קלמנאָוויטש.

צום גוטן דאַרף איך דערמאָנען דעם ריגער לערער ה. י. פאָרט, וואָס האָט מיר געהאָלפן אין איבערקוקן און צוגלייכן די איבערזעצונג צום אָריגינאַל־טעקסט.

דער איבערזעצער

ריגע, ט״ז מרחשון תר״צ לפ״ק.

זאַט - שאָול לאַזקי - בערלאָדזי